STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02477

ZIKORN IN SHPIGL

Shyfra Werber

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שפרה ווערבער

★

זכרון אין שפיגל

שפרה ווערבער

זכּרון אין שפּיגל

לידער

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל

תשמ"ד — 1984

SHYFRA WERBER / ZIKORN IN SHPIGL / POEMS
I. L. Peretz Publishing House
14, Brener St., Tel-Aviv

פּאָרטרעט פון דער דיכטערין — ב ע ן

©
כל הזכויות שמורות

Printed in Israel 1984 ,נדפס בישראל

דפוס „אורלי״, עקיבא איגר 8, תל־אביב

בלויע צייכנס

*

ווי קאָן מען זיך
אַ הייב טאָן
אין די הייכן,
און לאָזן לזכּרון
דאָ
די בלויע צייכנס
פֿון מײַנע אויסגעפּליקטע
יאָרן.

און אין איינעם
מיט טשאַטעס פֿייגל
אין געשוועב —
דורך שטראַליקן
געוועב
צו לויטערע לופֿטן —
זיך טוקן און טוקן
אין טיפֿע אומענדן
פֿון הימלישע דופֿטן.

און ווידער צוריק
פֿון די ווײַט־ווײַטע
רוימען,
אויף צווײַג אין געוויג
צוזאַמען
צו בוימען.

און פון צווישן
דעם פייגל־טשיריק
וועט אויך אויפגיין
מיין קול,
פון לאַנג־שוין
פאַרשטיקט
מיט פחדים־געקנויל,
וועט אויפגיין
מיין קול
מיט באַזונדערער
תפילה
אין פילקאָליריקן
פלאַטער־געטרילע.

שיפן אויפן ים

ווי שיפן אויפן ים
צעכוואַליקטן,
וואַקלען מײַנע טעג
און יאָרן...

ווי זיי פאַרסכהכּלען
אין זכּרון?

זיי לויערן און לויערן
און מאָנען
תּחית־המתימדיקן
תּיקון...

מיש איך קאַלענדאַריק,
מיש זיי אויף צוריקן —
אָ,
ווי ווייניק — צו באַדויערן,
ווי ווייניק — צו דערקוויקן.

צעבראָכענע וואַזע

קלאַנג־געבראַזג!
צעשפּרינקלט
קרישטאָלענער פינקל.

אין וואַסער־געפּלייץ
זיך טרינקען
פּעטאַליק צענומען
די בלומען.

אָ, די וואַזע! —
ס'האָט װען זיך
געשפּיגלט
אין דײַן
בלענד־ראָזן
מיניען־גערייץ
מײַן יונג־בלאָנדער
צאָפּ
אין געפּלעכט
אַרום קאָפּ.

אַצינד —
צעשפּאָלטענע שערבלעך
אין דעמער
פון טאָג.

★

קלאַנגען —
אין ספּיראַליקן געדריי —
פון מײַן געשריי,
אויפגעהאַנגען
אויף רויטן פאָדעם
פון מײַן וויי,
ביז אויסגעגאַנגען
אין פאַרוואָרגענעם
געשריי.

זון־שפּליטער

אַ רגע
זון־שפּליטער
האָט אויפגעגליט
אין מײַן זכּרון,
און אין דײַנעם ציטער
באַלד
נעלם געוואָרן.

איך עפן די טיר
פון מײַן הויז:
— קום ווידער,
קום רגע
אויף אַ רגעלע
בלויז,
ניט מער.

וואָלקנט דער הימל,
וואָלקנט שווער,
און אויף מײַן שוועל
גרויסע
רעגן־טראָפּנס,
ווי טרערן,
מערן זיך
און מערן.

פחד

א

פול איז די נאַכט
מיט געלוויער,
ווי מײַן פחד
מיט נאַכט.

עמעצער ברעכט אויף
דעם טויער,
און באַלד
מיט רויען
געוואַלט
און צונטער־שטורקאַצן
אַ האַרדע
אַ ווילדע
באַפאַלט.

ב

מיט אַ מאָל
ווי אומגעריכט
פאַרשטומטער חושך
קריכט,
און קריכט...

צי אַלע גאָר אַנטלאָפן,
צי גאָר פונעם פײַער
געטראָפן ?

צי בלויז איך אַליין
אין אַ ווינקל —
פאַרקאָרטשעטער
פּינטל?

צי איז עס
מײַן רוף
דורך פאַרקאָפּטשעטער
לופט?

ניין,
מײַן נאַקעטער
עבאָ
קערט אום זיך
צו מיר
אין געוויין.

דערשטיקטער חלום

פאַרקלאַפּט,
פאַרהאַקט
די פענצטער,
טיר.
און אויס
מיט פּחד —
אויס.

און דאָך
ער קומט צו מיר
פון גאָר אַ מאָל
פון ערגעץ־דאָרט
אַ הינטערטיר.

נענטער, נענטער
ער גענענט...
דורך קאַלטענעס
פאַרפלאָנטער —
אָנגעשפּיזטער
בליק
און ציינער
שטשירעדיק
פאַרשפּיצטע.

גוואַלד!
ווי קאָן איך

שרײַען
גוואַלד,
ווען זײַנע
פּעטליע־הענט
אַרום מײַן האַלדז.

שטיקט,
און שטיקט...
— —
מײַן חלום —
דערשטיקט.

ס׳וועט נאָך זײַן

ליובאַן — מײַן יוגנט־חברטע

פון הינטער
נעפּל־גראָ
פון דײַן געזיכט,
אַדורכגעקריצט
מיט ווייגעשריי
פון שניטן
שעה נאָך שעה,
טויכט פּלוצעם אויף,
אין אָנגעקוואָל פון ליכט,
דײַן צווייט געזיכט —
דער גלאַט און ראָז
פון שמעקעדיקע עפּלער
קושן אויס דעם צאַרט
פון דײַנע בעקלער.
און איבער זיי
אין גאָלד־געוויגן
דער בלאָנד פון דײַנע
דינע צעפּלער,
פאַרפלאָכטן מיט דײַן
יונגן ניגון:
— און ס׳וועט נאָך זײַן...
נאָך זײַן...

אַוווּ די שײַן
צעפינקלטע
אין דײַנע אויגן

מיט פילקאָליריקן
געמיניע
פון אַ רעגן־בויגן ?

און נאָר דײַן שמייכל
דײַן מילדער שמייכל,
וואָס בלאָנדזשעט אום
מיט ראָזן צייכן
איבער צווישן־שניט
פון ליפּ צו ליפּ —
איינציקער פּאַרמעג
פון יענע טעג.

אפשר

אפשר וועל איך קאָנען
הײַנט
וויינען, וויינען,
צווישן די צענומענע
פיר ווינקלען מײַנע
אַליין אַליינען.

אַ געקנויל
פון שווײַגענישן
אויפן האַרצן
שטיינען,
אפשר וועלן
טרערן מײַנע
זיי צעלאָזן
אין געוויינען.

✶

אַליין
אויף פּוסטער גאַס,
האָב איך
פאַר כּעס
אַ כאַפּ געטאָן
אַ שטיין,
אַ שליידער אים
געטאָן
אין ווײַט אַרײַן —
נאַ,
שרײַ
וויין,
וויין אויס
דײַן שווײַגעניש
אין דײַן פאַרקלעם.

טעמפּ
עבאָט אָפּ
אַ פּוסט
צונויפגעקלאַפּ
און שוין.

צעשפּאָלטענע רו

מײַן שאָטן

א

שאָטן מײַנער,
דו גײסט מיר נאָך
אין בלענד פֿון ליכט
און מײנסט,
אַז דו ביסט
איך.
װוּ ביסטו, װוּ,
װען כ'רײַס זיך אױף
פֿון שלאָף
און שלאָג אין זיך
על חטא
און נעם אױף זיך
די שטראָף
פֿאַר זינדן מײַנע
און אױך פֿאַר דײַנע —
מאַמע מײַנע,
חװה.

ב

דו װײַזט זיך מיר
אין ליכט,
װען איך אַלײן
פֿאַרשטעל
מײַן אײגענעם געזיכט
מיט זון־פֿאַרברענטער

מאַסקע,
וועל איך טאָן
דעם שפּיגל
אַ צעטראַסקע
און פון זײַן גלאַנץ־געדעק
דעם אויסגעקרימט־צעשפּאַלטענעם
אַרויסשפּיגלען
אויף מײַנע —
די תּהומיק־פאַרבאַהאַלטענע
געוואַלד־ריסן
פון מײַן נשמה.

צעשפּאָלטענע רו

א

ווען ס׳האָט די נאַכט —
אַ שוואַרצע קראָ נאָך רויב —
מיט שאַרפן שנאָבל
אויסגעשטאָכן
אויגן־לעבער
אין מײַן שויב,
האָט פון מײַן חלום
אין צערין
זיך אויסגעשיילט
אַ שאָטנדיק
געשטאַלט,
און אַ קול
אין אויסגעהויל:
געבאָרן כ׳בין אין דיר
מיט דיר צוזאַמען —
אַ קעמערל אַ שוואַרצס
פאַרוועבט אין דײַן געוועב —
און וואַקס
און לעב
ווי דו.
נאָר אין אונדזער
זאַלבע־אייניקייט
מײַן תּמיד
ווידערשפּעניקייט
צעשפּאַלט אין דיר
דײַן רו.

ב

אַצינד,
ווען דײַן חלום
באַלד צערינט
אין אײנעם
מיט נשמה דײַנער
אין געפּאָר,
אַנטרין איך
פון דײַן אויסגעהוילטן
גוף.

און בײַ דײַן
נײַער היים,
דער אויפגעבערגלטער
פון זאַמד און ליים,
כ׳וועל טאָן זיך
אַ פּאַרנייג
צו אונדזער אייביקן
צעשייד.

דער פלעק

נאַכט
האָט מיך מיט שוואַרצן חלום
אין אַ תּהום
אַ זומפּיקן
פאַרזונקען.
גליטשיק־גרינלעכער
שלײם
פאַרפּאַנצערט
מײַן לײַב.

זשאַבעס
מיט מאָנאָטאָנעם
קוואַקן
פאַרטױבן מײַן אָטעם.
איך ראַנגל זיך,
שרײַ: —
װײ!
אין געדיכטער קלעפּיקײט
פאַרשטאָפּט זיך
מײַן געשרײ.

און מיט אַ מאָל
אַ ליכטיקײט —
איך אָטעם אויס
דעם קוואַקן־רויש

און פּלײַציק
װאַסער־שטראָם
איבער מײַן גוף
שװענקט אָפּ
דעם שלײַם
דעם קלעפּיקן.

נאָר אינװײניק
אין מיר,
בײַם סאַמע האַרץ
בלײַבט שטעקן
אױסגעשטאַרצט —
ניט אָפּצומעקן —
אַן אײַנגעקלעפּטער
פּלעק.

אַ שאָד

דו זאָגסט —
די אויגן מײַנע
ליכטיקע.
שפּיגלען זיך
דײַנע
אין מײַנע.

איך זאָג —
די אויגן דײַנע
ליכטיקע.
שפּיגלען זיך
מײַנע
אין דײַנע.

צוויי שפּיגלען
שפּיגלען זיך
איינער
אינעם אַנדערן,
זיי ווען זיך
שוין קיין מאָל
קיין מאָל
ניט
צונויפשפּיגלען.

זע,
אויף יעדערן פון זיי
באַפּײַכטער הויך —

די טרערן מײַנע,
די טרערן דײַנע,
זיי װעלן זיך
שױן קײן מאָל
קײן מאָל
ניט
צונױפטרערן.
— —
אַ שאָד!

געשריי

די זון האָט
פון איר פייערגלוט
זיך אָפּגערוט
ביים לעשגעצאַנק
פון טאָג.

נאָר אין מיין בלוט,
ווי אין סמבטיון,
כּסדר אומרוט
מיט צונטער־גליִיקן
געשריי —
פאַרריגלט
הינטער זיבן־מאָליקן
פאַרדריי
פון מיין
מויל־געזיגל.

וועל איך זיך
דורכרייסן
דורך טונקלעניש
פון וואַלד,
אַריינבייסן
אין קאָרע
פון אַ בוים
אַ ליאַדן
מיין געוואַלד,

און זאָל אַז עכאָ
אין קוים־קוימיקן באַריר
שטום אָפּהילכן
פון אים
צו מיר.

אברהם, מײַן אורפּאָטער

אויב ניט באַשערט איז מיר,
ווי דיר
דערלאַנגען
צו דעם גאָט
אָנפּגמיק־אײביקן —
קליין בין איך
אויך נידעריק
אין מײַן געקלעטער
איז דער לייטער.

ווי דו, אָבער —
אברהם מײַן אורפּאָטער,
צעבראָכן און צעשמעטערט
האָסט
די געטער
דײַנע
הילצערנע,
צערײַסן און צעפּיצלען
כ׳וועל אויך מײַנע —
די פּגמיקע פּאַפּירענע.

און זאָלן זיי —
אותיות פּורחותדיק
וואָגלען אינעם ווינט...

הער,
ווי וואַנזיניק
עס האָט זיך ווער
צעוויינט
אַצינד.

דער טאָג און איך

הײַנט האָט זיך
אויסגעלעבט
דער טאָג,
אויך איך —
אין זון,
אין ליכט
און גאָלד,
און שלוּוהדיק
בײַם הימל־ראַנד
פֿאַרגאַנגען
אין אַ טונקל־בלאָ
געצאַנק.

אַ גאַנצע נאַכט,
קוים אײַנגעדרימלט,
האָט דער טאָג
אין מיר
אַרײַנגעחלומט:

מאָרגן וועט זײַן
נאָך און נאָך מער
טאָג,
מאָרגן וועט ער
דאָס טעלערל
פֿון הימל
מיר דערלאַנגען,

און מירביידע
וועלן לאַכן,
לאַכן...
און פון הימל־טעלערל
נאַשן „גוטע־זאַכן״.

דערווייל איז באַלד
גאָר אין באַגינען
אַ גרויער וואָלקן
אַ באַזויפּענער
אַראָפּ פון זינען
און מיט רעגנשלאַקס
אונדזביידן
אָפּגעגאָסן.

ווײנט דער טאָג
אין מיר
אַ גאַנצן טאָג
מיט אויגן
אויסגעלאָשן.

קנאה

א

אין אַ ווײַסער נאַכט,
אַדורכגעצוקט
מיט גלוסטונג
פון רויט־צינגלדיקן
מיאַוען,
האָט זי
אַ שטאָלצע
מיט באָרוועסע
און ווייכע טריט
דעם רויטן דאַך
געמאָסטן
פּילמאָליק
הין־און־צריק.
געדענקט האָט זי
פון דעמאָלט
זײַן שטעביק־האַרטע
וואָנצע,
זײַן שאַרפע נעגל־לאַפּע
אין איר ווייכן קאַרק
פאַרדראַפּעט.
און באַלד
האָט אַלץ זיך אויסגעמישט —
אַ זיסע מידקייט
אין צערונען
און זיך פאַרווישט.

שפּעטער
האָבן קנאָכיק־אַלטע
פֿרײַלין־הענט
איר צעריסן לײַב
געגלעט.
פֿאַרשעמט.

ב

נאָר אין דער נאַכט,
ווען פֿון איר מוטערטראַכט
האָט אַ שפּאַר געטאָן
מיט ווייען,
די טיר
פֿון אַלטער פֿרײַלין
צעדאַרפּעט און צעראַצט
אין קריצן בלוטיקע
פֿון מיאַועניש אויען...
יענע האָט דערווײַלן
די בלויע ליפּן
זיך געביסן
און איר אייגן
אויסגעהוילטן לײַב
געריסן.

אויף הווילן ברוק

לויפיקע גאַס
פֿנימער
אין האַסט,
טריט־טופּעניש,
אַקסל־שטופּעניש,
המוניקער
האַרמידער.

בײַ נאָכאַנאַנדיקן
סיגנאַלן־בײַט
פֿון גרין און רויט —
רעדער־יאָגעניש.
און אין בלענד
פֿון צעשטויבטן
זונענליכט,
ציט
לאַנגע פּאַסמעס
בענזין־גערוך.

און אונטער
הילכערס הילכערײַ
און שטאָלענעם געשריי —
אַנטבלויזט
אויף הווילן ברוק
אַ הונט
אין בלוט.

בײַם אויפגלי

ניט וואָר,
ווי אַ וואַדי
אויסגעטריקנט
מײַנע אויגן
ביזן דנאָ.

זאָל זײַן
אין שפּעטער שעה
טוט
מיט אַ מאָל
אַ שפּאַר אַרויס
פון הינטער וויִעס
אַ הייסער
טרער־געפּלייץ
פון לאַנג פאַרהאַלטענער
און לאָזט איבער,
בײַם אויפגעגלי
פון ליכט,
אויף מײַן פאַרדאָרשטיקטן
געזיכט —
ווייך און לײַכט —
אַ וואַרעם־גלעטיקן
באַפּײַכט.

צו ניט־פּאַראַניקע

ווען זיי דערהערן?

יעדן אינדערפרי,
ווען ערשטער שטראַל
באַראָזיקט מילד
איר שמייכל,
שיט זי,
די אַלטע פרוי,
שיט און שיט
קרישקעס ברויט
פאַר טויבן
צום געפּיק.
זאַמלען זיך צונויף
אַרום דעם אויסגעשיט
די טויבן,
און אין וואָרקענדיקן
פּיק נאָך פּיק —
אַ לויבן.

ווי פּלוצעם
קײַקלען זיך
און קײַקלען
די יאָרן אירע,
ווי רײַפע טרויבן
אין זכּרון.

און ניט קיין קרישקעס
אין די הויפנס,

נאָר טרויבן,
פולע הויפנס טרויבן.

וועמען זיי פאַרשענקען,
די ניט־פּאַראַניקע ?

ווי וועלן זיי געדענקען,
ווי וועלן זיי דערהערן,
סײַדן זיי אויפוועקן
צו תּחית־המתימדיקן
ווערן.
אַנטדאַרשטן די ליפּן זייערע,
צעשפּאָלטענע
פון זאַמד און שטויבן,
מיט זאַפטיק־פרישע טרויבן.

ווײַסע טויבן —
געשאָכטענע חלומות.
— —

די אַלטע פרוי
שיט נאָך אַלץ
און שיט
קרישקעס ברויט
פאַר טויבן.

און וואָלסטו ניט אַוועק

אָ, וועלכער בייזער גזר
האָט דיך אַרויסגעזשאַרט
פון לעבעדיקן קרייַז־געלאַף
און דיך אַרייַנגעגאַרט
אין גליווערדיקן אויס־באַשאַף.

און פונקט האָב איך געוואָלט
דיך פרעגן וואָס,
דיר זאָגן וואָס —
ביסטו אַוועק,
אַוועק
אויף ניט צוריקקער
מער.

און וואָלסטו ניט אַוועק,
וואָלסטו
אין טיפער אייַנהערונג
זיך אייַנגעהערט
אין מיר,
ווי נאָך קיין מאָל,
נאָך קיין מאָל
זיך ניט אייַנגעהערט.

און רעגנבויגיק
צווישן מיר
און דיר —

אַ קוואַליק מורמלעניש
פון רייד
גערעדט צו מיר,
ווי נאָך קיין מאָל
נאָך קיין מאָל
ניט גערעדט.

אָ, ווען דו וואָלסט
ניט אַוועק.

פֿאַרשוווּנדן

פֿאַרשוווּנדן
אַזוי פֿיל ווּעלטן
מײַנע,
בלויז איינע
אַן אָפּגעציטערט־ריינע
באַהאַלטן כ׳האָב
פֿאַר דיר.

ווי האָב איך
פֿאַרגעסן
אַז ס׳האָט דיך
קריעה
אַ ריס געטאָן
פֿון מיר.
און אומזיסט
דאָס וואַרטן
אין פּוסטע מעת־לעתן
אויף דיר.

צו מײַן ברודער דאָדע

א

מײַן ווײן־אָרט
דאָ,
און דײַנער —
אַוווּ איז דײַנער?
צו שיקן דיר
כאָטש אײנעם
פון מײַנע —
אין־דיר־אַרײנגערעדטע —
בריוו.

אַז ניט קײן ווײן־אָרט
קײן טויט־אָרט ניט
אַפילו,
און איך —
טו אַלץ נאָך תּפילה,
ווי אויסגעפינען
דיך
אין דײַן געוואָגל.

ב

נאָך אַזוי פיל,
אַזוי פיל
אויסגעפליקטע יאָרן
דײַנע,
פארטראָגענע מיט ווינט,

לאָמיר טוישן זיך
אַצינד:
אָט נאַ דיר
צוזאַמען מיט מײַן
אָטעמדיקן זײַן
די פרילינגדיקע שטאָט —
מיט פריש־צעגרינטן
בלי־געררוך
בײַ יעדן יונג־צעהעלטן
הויז,
אונטער זוניקן
געבלענד.

און דו —
דו גיב מיר בלויז
דײַן נאַקעטן
פאַרוואָגלטן
פאַרלענד.

פײַער־קלאַנגען

פלוצעם
טויכט אים אויף
אין אַשיקן זכּרון
זײַן מאַמע,
אין פײַער־צונגען
גלײַקע
פאַרשלונגען.

רײַסט ער,
רײַסט אין צאָרן
פון קלאַווישן אַרויס
צעצונטערט־רויטע פלאַמען!
פײַער־קלאַנגען
פון זײַן האַרץ
ראַנגלען זיך
און ראַנגלען,
ווי ס׳ראַנגלט זיך אין זיי
זײַן מאַמע.

ניט מער געלויף
פון פינגער
לאַנגע דינע,
נאָר פויסט־געבראַזג
אויף פיאַנע
טרייסלט אויף
די וועלט.

ברענענדיקע וועלט

בעת איר בלוט
פֿאַראָדערט פֿיבערדיק
אַ פֿײַערדיקן גלוט,
דורך פֿאַרשאַרצטע ברעמען —
שוואַרצאַפּלדיק געלעכטער,
איר מויל פֿאַרשטשעמעט
אַן אויסגעקרימט געשריי.

זי שלײַכט אַזוי
דורך פֿאַרהאַוועטן
מענטשן־געדריי,
און איר געזיכט
פֿאַרשטעלט
די ברענענדיקע וועלט
אין זיך.

טאַטע

אַ גרויער וואָלקן — זײַן מאַמע,
טונקלט אין זכּרון.

די נאַכט
האָט ער דעם נאָמען
טאַטע פאַרלאָרן.

יאָגט ער...
די באָרוועסע טריטלעך
פאַרצערן
צעשטאָכענע וועגן,
יאָגט ער און יאָגט
אונטער שפּריציקע ריטלעך
פון שמײַסיקן רעגן.

אין פּלייציקן צעגאָס
צעשווימען זיך,
ווי טרערן־טראָפּנס,
וווּנדיק־רויטע פלעקן.

אין טונקעלע שרעקן
זײַן דורכגעווייקט גופל
אין קוים־קוימיקן אָטעם.
דורך פינצטערניש פײַכטער
אַ שאָטן —
טאַטע!
עס געלט אים אַנטקעגן
אַ לאַטע.

אויף הר הרצל

ווער חלומט
אַצינד ?
איך,
צי דו גאָר,
מײַן קינד,
ווען שטיין
דיר צוקאָפּן.

איר ביידע,
מאַמע, —
דו מיט איר,
מיט רחלען
מײַן כּלה —
איר ביידע
צוזאַמען,
איר נידערט
צו מיר
אין מלאכים
פֿאַרוואַנדל.

און איך
צווישן אײַך
ניט מער
אין געראַנגל.
איך צווישן ביידן,
שוין ניט אין צעשייד,

באַפליגלט אין איינעם
מיר שטײַגן,
און שטײַגן...
מיט זון אין באַגלייט
צום געפונענעם
ווידער
גן־עדן.

אין דײַן זאַנג־געזאַנג

לזכר אריה שמרי

אַ ליכט — דעם זיידן
דעם זון — אַ וועג,
און צווישן ביידן —
אויף גרינעם פאַרמעט
פון דײַן דאָרף
האָסטו
אין דײַן זאַנג־געזאַנג
פאַרוועבט
בײַזאַם
מיט **אנכי**
און כּתב פון סופר,
דעם אָפּציטער פון גראָזן
אין ייִדישן לשון.

און דערהויבן פון בראָכן —
דו האָסט
מיט בלי און ברכה
אויף טויענדיקע פינגער
אין דער וואָכן,
פאַרניגונט
אין דײַן ניגון
דעם פריידיקן טשיריק
פון פייגעלער־זינגער
אין גרינעם געוויג.

װעלן אָפּטאָן זיך
פֿון דיר
די שערבלעך פֿון די װײַעס,
דער ליים פֿון דײַן געהאָרך,
און אין צעהעלטער העריקײט
דו װעסט דערזען
ויהי אור,
װי יונג און יינגער
ציִען װײַט
אין איבערצײַט
אויף אײן־סופיקע װעגן
די גרויסע רגע,
פֿון שטערן װאַרעמען
באַהויכט —
דײַן ניגון.

פאַלנדיקע שטערן

אַזוי פיל שטערן פאַלן,
פאַלן...
לעשן זיך די זילבער־פאַרבן
און מיליאָנען מענטשן
שטאַרבן.

נאָר ווי צו דעם
וואָס האָט אַ לעבן־לאַנג
אין טרערן־יאָרן
דעם גאַנג
פון זײַן שטערן
פאַרלאָרן.

אַקעגן די ווינטן

אַקעגן די ווינטן —
אויף ניט אויפרײַסן
קברים
וואַכן ציפּרעסן,
הויך־וווּקסיקע שומרים
אין גרינע מונדירן.

נורטעוועץ נעמען
אין מײַן זינען.
יעדער נאָמען
באַפּנימט אַ פּנים
אַ ניט־דאָזיקן,
וואָס אין האַרצן
קריעהדיק
פאַרשניטן.
— —

מצבות סטאַרטשען.

פֿאַרגעס מיך ניט

אַ קלאַפּ אַ קנאַכיקער
אין טיר,
איך עפֿן — קיינער,
קיינער ניט געקומען.
נאָר אויף דער שוועל
בלויאויגיק ווינקט צו מיר
אַ בינטל בלומען:
פֿאַרגעס מיך ניט.

ווי וועל איך פֿאַרגעסן?
איך טרינק זיי אָן
מיט קוואַליק וואַסער,
ווי כ׳טרינק אָן
מײַן זכּרון.
אַזוי מעת־לעתן נאָך מעת־לעתן,
יאָר נאָך יאָרן.
זיי וועלן קיין מאָל ניט
פֿאַרוויאַנען.

און ווען מײַן צײַט פֿאַרגיין
צו פֿאַרלאָזן
דעם בלויאויגיקן
דאַנען,
כ׳וועל מיט לעצטע קושן
זיי לאָזן אַ צווייטן
בירושה.

אַזוי פון צווייטן
צו אַ דריטן —
פאַרגעס מיך ניט
און רינגען קייטלען זיך
פון קייט צו קייטן.

זכרון אין שפּיגל

*

זי שפּיגלט אויס
פון איר זכרון,
דורך פלאָנטערדיקן
לויף פון יאָרן
אַ זאַווערוכע־נאַכט —
שדים־טאַנץ
אין שניי־געדריי,
און זי — אַלייניקע,
אַ דרעשטשענדיק־פאַרווייעטע
אין דעם זאַווײ.

און איר געשריי
אַ קויל
אַ גליִיקע
פאַרגליווערט
אין אויפריס
פון מויל.

ווי מיט אַ מאָל
סאַמע לעבן איר —
אַן אויסטערליש
געשטאַלט.

ווער איז ער,
ווער?

עס שטראַלט
פון אים
אַ קוואַליק ליכט,
און בלענדט
אין אויסגעשפּרייט
אויף איר געזיכט.

ער נעמט
די הענט אירע
די פאַרקאַלייעטע
און דלאָניעס
זײַנע
וואַרעמע און ברייטע,
און איבער זיי
זײַן אָטעם
אַ צעצונדענער,
ווי זיבן זונען
צונויפגעשמאָלצענע
אין איינער.

אַזאַ מין אָטעם
ניט געאָטעמט
האָט אים קיינער,
קיינער...

— ליגן! ליגן! —
פּלאַצט אויף
זײַן גלאַט־געדעק
דער שפּיגל:

— ניט געווען
און ניט גערדאַכט
אין יענער
ווינטער־נאַכט
אַזאַ מין
איינער.

— אָ זײַ
צו מיר ניט גרויזאַם
דו שטאַריק־גלאָזיקער,
פאַרגלאַנצטער
אין אַ ראַם.

לאָז מיר,
לאָז אין מײַן געדענקשאַפט
מײַן אויסגעבענקטע
בענקשאַפט.

די ווײַלע צײַט

אַזוי דעם הימל
שוין באַשערט
אַ גאַנצן טאָג
זײַן אויסגעבענקט
צו ערד.

און בלויז
פֿאַרנאַכט —
נאָך איידער
לעש־געצאַנק
פֿון טאָג,
ערגעץ־ווײַט
בײַם סוף
פֿון זײַן אומענד —
ער טוט אַ פֿאַל
צו איר
מיט פֿלאַקערדיקן
פֿלאַם
און פֿאַרזיגלט
אין אויפֿגעגליטן
רויט
די ווײַלע צײַט
פֿון זײַן צוזאַם —
אין אייביקייט.

שיין איז די ווײַט

שיין איז די ווײַט —
מוזיק
פון פּילפּאַרביקן
בלומען־געראָך
אין אומענד
פון צײַט
פון שפּרייט
און פון הייך.

ווי צום דערגרייך ? —
אַז מײַן אָרעם
איז קורץ
און מײַן אָטעם
אין ענגשאַפט —
בלויז מײַן בענקשאַפט
איז פול
מיט דער ווײַט
און איז טיף
ווי איר הייך.
— —

שיין
איז די בענקשאַפט.

★

אַנטגופן די נשמה מײַנע.
ווי זעט זי אויס ? —
צי איז זי
צונויפגעקנוילטער קנויל,
אָן אויגן, נאָז,
אָן מויל ?
צי גאָר
געפורעמט
ווי אַ האַרץ
און יסורימט
טרעריק־רויט
פון זײַן פאַרשפּאַרט
אַ הינטער הויט
פון גוף,
און בענקט
און גאַרט
נאָך ליכט,
נאָך לופט,
נאָך לינד
און מילדן גלעט
פון ווינט.

פליגלהענט

אַט ציִען זיך צו מיר
מיט לויטער־ווײַסן
בלענד
צוויי פליגלהענט.

זיי אָנכאַפּן,
זיי אײַנשליסן
אין מײַנע,
וואָרנט מיר
די וואָר:
— דו נאַר,
דו נאַר,
די הענט
די ווײַסע
פליגלהענט
אַ חלום בלויז,
אַ חלום
אין פאַרבלענד.

אָ, זאָל כאָטש
ליכטיקן צו מיר
פון אײַער בלענד
אַ לויטער־ווײַסער
טראָפּן...

אַליין —
צוקאָפּן מיר
דער שטיין.

אַ פונקל

װען ס׳קראַקעט אויס
די קראָ
שפּעט־האַרבסטיקע
נבואה,
און טונקלסטער טונקל
פֿאַרנעפּלט מײַן **ראיה,**
גליט פּלוצעם אויף
בײַם סאַמע ראַנד
אַ גינגאָלדענער
פֿונקל.
ציט זיך צו אים
אין בענקשאַפֿט
מײַן האַנט.

אויסגעשפּילטע קלאַווישן

אויסגעשפּילטע קלאַווישן
אין לעצטן
פאַרציטערטן וויבריר...
בלייבע עכאָ־קלאַנגען
חלשן
אין צאַנקען.

אל מלא רחמים, —
טו זיך דערבאַרעמען!
אין פינגער מײַנע
פאַרלאָזענע, און שטאַרע
נעסטיקן נאָך טענער
וואַרעמע.
טו זיי,
באַשעפער איינציקער,
טו זיי
מיט אָטעם דײַנעם
געטלעכן
באַשוועבן,
און זאָלן זיי
מײַן אויסגעשפּילטע וועלט
באַלעבן.

ווען ניט מײַן בענקשאַפט

א

ס׳וואָלט מיך אַ וואָלקן
אין זײַן טיף־טיפֿן טונקל
פֿאַרענגשאַפֿט,
ווען ניט מײַן בענקשאַפט
נאָך אַ בלוי־פּיצל
הימל.

ב

ס׳וואָלט שאַקאַליש
אומהיימלער געהויל
אין ווינטיק־צערווישטן
געווימל
מיט גרויליקן גרויל
צעזעגט מיר מײַן זינען,
ווען ס׳זאָל ניט מײַן בענקשאַפט
אַ זעלטענע רגע געפֿינען
פֿאַר שטיל־שטילער תּפֿילה
אין קוים־קוימיקן
ליפּן־באַריר —
אַ תּפֿילה
צו דיר.

אין געקלעטער

✶

אויב קאָנסט ניט
צום שפּיץ פון באַרג
דערקלעטערן,
קלעטער דערווײַל
אויף אַ בוים,
זאָל זײַן
ביז צו די בלעטער
אַפילו,
נאָר קלעטער...
און לאָז דיך ניט ציִען
אַראָפּ — אין דער נידער,
עס קאָן דאָך חלילה
דאָס שוואַרץ־אויפגעריסענע
מויל פונעם תהום
דיך פאַרשלינגען
אין איינעם
מיט דײַנע לידער.

דער ניגון

ניין,
ווער זאָגט
ניט־זײַן.

אַט ניגונט נאָך
אין בלאָ־געוויגן
אַ זכּרון־רגע
מיט פֿאַרבענקטן
ניגון.
רייס איך אויף
דעם שוואַרצן פֿאָרהאַנג
מיט שאַרפֿן בלאַנק
פֿון מעסער.
ווערט די רגע פֿול
און פֿולער,
ווערט זי גרויס
און גרעסער.

און דער ניגון,
אָ, דער ניגון —
מיט פֿרישן
בלי־געריר,
מיט ווײַסן
פֿליגל־פּאָר
צום היכל
אין געשטיגן...

אין לויפעניש

איר קאָפּ פּאָרױס,
אין כוואַליעדיקן וויגן
די האָר צעלאָזט
אויף נאַקן,
דאָס פלאַטערדיקע קלייד —
איר גוף.

אָנגעהיצט איר אָטעם
אין ראַנגלעניש
מיט וויעדיקע ווינטן
אין דער לופט.

צעבלוטיקטע טריט
פאַרשלינגען
גאַסן,
שטעט,
וועגן
און מעת־לעתן.

צי יאָגט איר נאָך
אַ פייַער —
אין רויטן בראַנד
פאַרצוקן,
צי וויל זי זיך
אין לויפעניש
צום גאָט
דעם שטאָלענעם
ניט בוקן?

פינגער

א

אַ בלאָנדער שטראַל
זיך קוים פאַרוועבט
אין גראָ
פון אירע האָר,
און באַלד
מיט ציטערדיקן
גאָלדגעגלעט
אַ רגע שוועבט
איבער איר
פנים
און... אויס.

זי פרוווט
פאַרהאַלטן אים,
אים אָנכאַפּן
מיט פינגערפאַנג,
בלײַבט הענגען
פוסט און באַנג
איר בלינדע האַנט.

ב

מיט פינגער
קראַמפּיק־אויסגעבויגן,
געטוקט אין בלוטשטורץ
פונעם זונפאַרגאַנג,

מאָלט זי אימפּעטיק,
ווי אין הינערפלעט,
מאָלט
אויף הווילער וואַנט
איר אייגענעם פּאָרטרעט.

פון גליזיקן שוואַרצאַפּל
אַ צונטער־רויטע טרער
ציט זיך
אין אַ דין געריין
אויף דעם פּאַרנעפּל
פון איר פּנים.

ג

דער פרי־באַגין
זיך נאָר־וואָס אויסגעפּיקט
פון נעפּלדיקן גראָ,
רייַסט אויף
איר פלאָנטערדיקן חלום
צו אַן אויפגעשפּראָצטער
שעה.

זי זוכט
מיט פינגער דין
קאָשמאַריקע
סימנים
אויף איר פּנים.

און טאַפּט גאָר אָן
אַ ראָזן שמייכל,
אין ציטער
צווישן
ליפּ און ליפּ —
לעצטער צייכן
פון ראָזיקן באַגין,
ערב זײַן צערין
אין גאָלד
פון טאָג.

✶

היַינט װעל איך
אַראָפּרײַסן
דעם שמייכל
אָנגעמאָסטענעם
אויף מײַנע ליפּן.

און אַרויסזיפּן
דורך זיי
פֿאַרדרענגטע
שווער־באַלאָדענע
געמיטן.

באַפּרײַטע,
װעלן זיי
צעשמייכלען זיך
מיט שמייכל אייגענעם
פֿון אײַנגעטיפּטע
שניטן.

ווערטער

די ווערטער
שטעלן זיך מיר
הײַנט —
דיבאָם.
ווי זיי
אײַנצונעמען,
אַז צווישן
מיר און זיי —
אַ תהום.

כ׳וועל אים
אַריבערשפּרינגען,
זיי אָנכאַפּן
בײַם קאַרק,
אין איינעם
קלעטערן מיט זיי
אויף הויכן באַרג.
און געקניט
צו זיי
אין מײַן געבעט:
— זײַט גוט צו מיר,
לאָזט פֿילן אײַך
אין מײַן פֿינגערדיקן
בייג און קנעט.

ווי וועל איך,
אָן אײַך,
אַרויסליפֿן
דעם נאָכוויבריר
פֿון צעשפּילטער
פֿאַרבן־סימפֿאָניע
אין מיר.

צום בלענד פון ליכטער

אַ שפּראָצל־גראָזל,
קוים פון ערד
אַרויסגעגראָזיקט,
ציט זיך שוין
מיט זילבער־טויען
אין באַפּײַכט
צום בלענד
פון ליכטער,
זײַ
דעם סוד פאַרטרויען
פון זײַן בליִונג
דער צעגרינטער.

ווער קומט דאָרט
מיט רוגזה־געוויען
מיט שטראָף אַזאַ האַרבן
דאָס פּיצעלע שפּראָצל
פאַרדאַרבן.

ניטע,
ניטע,
בעל־העזה
געוויטער!

זאָלן וועלטן
זיך קערן,
הימלען זיך שפּאַלטן —
וועסט ניט דאָס גראָזן
פאַרהאַלטן.

די קליינע טרער

איין אויג —
פאַרזיגלט
מיט ווײַעס טונקעלע.
נאַכט — זײַן ראיה.

דאָס צווייטע —
גלאָזיקט שטאַר;
אין נאָכאַנאַנדיקן
געגאַר
נאָך ליכט
טאַפּט נאָר דעם חושך
און —
ניט מער.

צעבליפּעט זיך
אין טרערנפלייץ
זײַן בלינד געזיכט.
און בלויז איין טרער,
איין קליינע טרער
פאַרווינקלט זיך
אין אויג
און טרעט ניט אָפּ,
ביז
זי פאַרשפּיגלט
אין איר עיגול
אַ פּיצל פונקל,
וואָס וואַקסט
און וואַקסט

און ווערט אַלץ גרויס
און גרעסער,
און מיט אַ מאָל,
ווי אומגעריכט,
צעשנײַדט
די פינצטערניש —
אַ מעסער.

פײַער

איך בין אַנטלאָפֿן
פֿון קאַלטן ליכט
פֿון צפֿון,
צו געפֿינען
דאָ,
אין די חמסינען,
דאָס פֿײַער,
וואָס זאָל
אויפֿגליִען
מײַן זינען.

ער איז אַראָפּ
פֿון זינען
דעמאָלט,
ווען דאָס פֿײַער
דאָרטן
האָט פֿאַרלאָשן
די פֿול־גערעטעניש
די אויפֿגעיווירטע
פֿון מײַן שײַער.

שאַר ניט אַוועק

שאַר ניט אַוועק
דעם שטיין
פונעם וועג.
ניט שאַר אים
אַוועק.

הייב אים אויף,
באַגלעט
מיט דײַן וואַרעמען
הויך
זײַן אויפגעפּלאַצט
וווּנדיקן
גוף.

— —

אויך אַ שטיין
וויל ניט בלײַבן
אַליין.

די רגע

אויב קאָנסט ניט פאַריאָגן
דעם שוואַרצן שאָטן
פון מײַן **ראיה,**
לאָז איר
דורך שפּעלטל דינעם,
אַ רגע פאַר דער שקיעה —
אַרײַנשפּיגלען אין זיך
אַ פינטל זון־שפּליטער,
ניט מער.

די רגע ציטערט,
ציטערט...

מיט לעצטע צאַפּלען
וועל איך זי אויפהאַלטן —
די רגע —
זי אויפהאַלטן
פון באַלדיקן פאַרשווינד,
ביז
מײַנע גלײַזיקע אַפּלען
וועלן אויסברענען
דעם שוואַרצן בלינד.

באָטשאַנען

בין וואַנען
וועלן שעהען,
געכּפּלטע
אויף טעג און יאָרן,
אויסשווייַגן
אין מיר
די צייַט —
אין שטומעניש
פאַרענגטע,
קאָשמאַריק
פאַרגעדענקטע,
ביז וואַנען?

אַוווּ באָטשאַנען
מיט מאַיעסטעטיש־הויכן
טראָט,
אַוווּ דער נייַ־געבוירענער
אַוווּ,
אַוווּ זייַן ערשטער
אויסגעשריי —
אין אַ וועלט
אַן אויפגעיווירענער
מיט פולע שעהען
ליכטיקע
ביז גאָר —
ויהי אור.

די צײַט

די צײַט —
האַרט באַגופט,
אַרומגעצאַמט
ווי מיט אַ וואַנט —
פֿאַרשטאָלעוועט
דעם פֿייגלשוועב
אין לופֿט,
די בלומען
אַנטלעבט זי און אַנטדופֿט.

כ׳וועל אין דער וואַנט
אַרײַנשפּיזן
די פֿינגער מײַנע
אָנגעשפּיזטע
און פֿון פֿאַרהאַרטעוועטן גוף
אַרויסצִיען
אַן אָטעם
נאָך אַ וואַרעמען,
פֿון דורות־לאַנג
פֿאַרקנאָטענעם,
און זאָל ער
אַצינד,
צעגליט
פֿון חמסיניקן ווינט,
צעזשאַרעווען
דאָס האַרץ פֿאַרשטאָלטע
פֿון דער צײַט.

זאָלסט ניט גלוסטן

נעם אַוועק די אויגן
דײַנע
פֿון דעם אַנדערן,
טו ניט נאָך
העוויות זײַנע,
טו ניט נאָך
זיין פּוסטע
האַוועניש
אין בלומרשט
לויפּעניש
נאָך ליכט.

דו,
דו קוק אַרײַן
אין זיך,
אין דײַן אייגענעם
איך,
קריץ אײַן
אין האַרצן דײַנעם
דעם גאָר אַנוסטן
אויף לוחות
אײַגעקריצטן
„זאָלסט ניט גלוסטן".

?ווען

ווער איז ער
אָט דער
מיט פּאַרטריקנטער
טרער,
מיט רוקן
געבראָכן
פון בוקן זיך,
בוקן
הין־הער
און הער־הין
צו געטער
אין שווימיקן
צערין.

אָ,
ווען וועט ער,
געטובלט
אין בלויען
געוואַסער
פון ים,
אַ שטראָם טאָן
בײַזאַם
מיט דורות
פון־פאַר
צו דורות
פון־נאָך.

?ווען

ווער זאָגט

ווען ס׳צעגליט זיך
מײַן שווײַגן —
שטײַגן און שטײַגן
אויף לייטער,
צום חלום־געלײַטער
פון ווײַסע מלאכים
אין פליגל־געפאָכן.

ווײ,
ווער האָט דעם לייטער
צעבראָכן?

פאַל איך
מיט פאַרשקיעהטע
אַפּלען
אויף ערדן
אַנידער,
אין שטומעניש
פאַרגליווערט.

מיט לעצטע צוקן
איך רײַס פון זיך
דאָס שווײַגעניש
אַרויס.

ווער זאָגט
ס'איז שפּעט
צו שלאָגן
מיט געבײַלטער פויסט
אין האַרץ פון װעלט
על חטא?

פינף מינוט

און ווען אפילו
אין די נעכט
די שטילע
מײַן חלום אומרוט
מיט מאָדנע
אומהיימלעכע סיגנאַלן:
נאָך פינף מינוט
און ביסט פאַרפאַלן.

ניין!
אָט צאַפּלט נאָך
אין מײַן
געהאָרך
דאָס פריילעכע
געפּלאַפּל
פון רינזלדיקע קוואַלן,
און פון טשאַטעס פייגל
אין געשוועב —
די טריליקע געשאַלן...

און נאָך און נאָך,
עס גייט מיר נאָך
דער ווילגערוך
פון פרישן אָנגעהויפּטן
היי.

ניַין !
מעג דער זייגער
טיק־טאַקעווען באַרוט
זיַין מאָנאָטאָנעם גאַנג,
כ'וועל אויסציִען
די פינף מינוט
אין מיר,
פאַר מיר
אויף לאַנג,
אויף לאַנג...

שטערנוואַר

דו זאָגסט —
מען קאָן ניט
אַראָפּצִיִען
אַ הענגל שטערן
אין דײַן הויז.

בלויז
אויפמאַכן
דאָס האַרץ,
ווי אויפדאַכן
דעם דאַך —
און אַ פּאַסמע הימל
וועט מיט שטערנוואַך
אַרײַנליכטן
פֿאַר דיר
אין דיר
אַ גאַנצע
נאַכט.

כוואַליקער נס

*

דער וואַסער־געפאַל
פון זײַן פעלדזיקער
הייך
מיט זײַן זילבער
צעפּלייציקטן רעש,
ניט מער
אין אַ דנאָיִקן
וואַסער־צעפאַל.

פאַרבענקט
צו זײַן ווידערגעבורט
אין די הייכן,
פאַרגילגולט ער באַלדיק
זײַן וואַסער־געפאַל
אין אַ געוואַלדיק
אויפגעשוימיקטן
וואַסער־געבוואַל.

און אַרויף —
ווי אין פאַראייניקטן
וואַסער־געפעס —
מיט כוואַליע־געוויג
אויף אַ צווייטן
אַ באַרגיקן נס.
— —

אַזוי אין זײַן אייביקן
פאַל און געשטיג.

איז וואָס?

איז וואָס,
אַז ס׳נידערט
איר פײַערדיקער
רונד,
און ביזן אויסלעש
פון איר לעצטן
צונד —
אַלץ מיד
און מידער
צום פאַרזונק —
לאָזט זי איבער
אויפן הימלראַנד
איר טונקל־בלויען
אָפּשייד־צייכן
פון פאַרגאַנג.
איז וואָס?

אַז ווי־נאָר
אַנטפּלאָנטערט
פון נאַכטיקע
פענטן,
מיט ערשטן אויפשפּראָץ
פון קאַיאָר —
קוים־קוים באַפּײַכט
מיט איר
ראָזיקן שפּיץ

פון ציגל
דעם זוים
פון אירע
ניכטער־בלייכע
ליפּן —
און שוין
זי טראָגט
איר רייץ
דעם רויט־צעצונדענעם
אויף טאַץ
אַ גאָלדענעם
דעם טאָג
דעם בלאָנדענעם
אַנטקעגן.

אין אָנגעפּלייץ פון ליכט

אַרויסיאָגן
די גרויע פּוסטקייט
פון מײַן הויז
און יונגפרילינג
פאַרבעטן:
קום,
קום אַרײַן
מיט בלאָנד־צעשמייכלטן
געזיכט,
מיט שלאַנקן גוף
אין גרין געקליידט.
קום
מיט בשורות
פרוכטיק־זיסע,
פאַרזייט
אויף דײַנע
סאַברע־דלאָניעס —
ברייט־צעשפּרייט.

קום,
און לאָמיר טרינקען
זאַלבעצווייט
דעם ווײַן
צעפינקלטן
צו דײַן ווידער
ווידער־זײַן.

זע,
אין אָנגעפּלייץ
פֿון ליכט
צעגלי̇ען זיך די ווענט
מיט זוניק־רויטן
בלענד.

און איך
אין כּלה־שלייער
פֿון גאָלדענעם געוועב,
פֿאַרשיכּורט
שוועב
אין ראָזיק־ווײַסן
אַראָמאַט
פֿון נאַר־וואָס
אויפֿגעשפּראָצטן
צוויט,
באַגלייט
פֿון פֿלאַטער
שוואַלביקן טשיריק.

אָט ביסטו ווידער דאָ

זאָג ניט
דו קומסט ניט מער,
אָט ביסטו ווידער דאָ —
פון הינטער
דורכזיכט
פון גאַרדין
טויכט אויף דײַן האַנט,
און דײַנע פינגער דין
געטונקט אין בלאָ —
דער בלאָ
פון דעם באַשאַף
אין ערשטער שעה —
וויברירן אויס
פאַרבענקטע טענער
פון אַ האַרפע...

און מיט אַ מאָל
ווערט פול די שטוב
מיט ריחות שאַרפע
פון אָקערשט
אויפגעשפּראָצטן בלי
און פאַריאָגן
פון די ווענט
די שאָטנס שוואַרצע,
ווען ס'קניט דער טאָג
אין לעצטן גלי.

די גאַס

לאַנג ציט זיך
די גאַס
מיט גראָ־שטאָליקן
רעש
און נאַכטיקן
טונקל־געלויער.
גיי איך און גיי
און אײַל דעם דויער.

אָט דאָרטן,
בײַם סאַמע ראַנד
וואַרט ער,
וואַרט ער
אויף מײַן קומען
מיט אַ בינטל בלומען
אין דער האַנט.

און וואָס מער גאַס
ס׳פאַרנעמען מײַנע טריט,
אַלץ מער זי לענגערט זיך, די גאַס
און לענגערט.
גיי איך און גיי,
און אין מײַן גאַנג
נאָכאַנאַנד,
דורך מעת־לעת־געבײַט
פון ליכטער,

דורך יאָרנבײַט
פון צײַט —
ציט זיך די גאַס
און ער בײַ דעם ראַנד
אַלץ ווײַטער
און ווײַטער...

און איך —
זאָל זײַן
פון ווו און וואַנען —
וועל קומען ווען צו אים
וועל קומען...

גאָט, מיין גאָט,
פאַרנעם מײַן טראָט
און פאַרהיט זיי
די בלומען
פון וויאַנען.

בלעטער

אין זייערע גרינע
לבושן
זיי שאָרכן,
זיי שורשן,
האַלדזן זיך, קושן
אין צווייען,
אין דרײַען,
אין שוש־
שושקערײַען
מיט ווינט.

נאָר, ווי־נאָר
ס'צערווישט זיך
זײַן אָטעם־געצאַפּל,
זיי אַלע צוזאַמען
אין אַ פריידיק
געפּלאַפּל,
באַגלייט
פון אַ פלאַטער־געצוויטש,
פאַרצווײַגט אין געוויגן —
און דעמאָלט ניטאָ
קיין איין בלעטל
אַפילו
זאָל ווערן אַנטשוויגן.

געבוירן אין שויס
פון דער זעלביקער
שיינקייט,
סיי די פרייד
די ביי־זאַמטע
אין איר פולער
התגלות,
סיי די רו
די געבענטשטע
אין איר שטילער
אַליינקייט,
ווען דער ווינט
פאַלט אַ מידער
אויף ערדן
אַנידער.

וועלט

וועלט,
אין אומענד־שלייערן
סודותדיק
פֿאַרשטעלט,
אויב קאָנסט ניט,
אין דײַן אייביקן
גאַנג
וועלט־אײַן
און
וועלט־אויס,
אַ רגעלע
בלויז
זיך טאָן
אַ פֿאַרהאַלט
בײַ מײַן הויז —
גענוג וועט מיר
זײַן
פֿון דײַן אָפּשײַן
אַ שפּליטער־באַריר,
און די ערד,
ניט מער
אין געפּריר,
קושט אויס
מײַנע טריט
מיט איר וואַרעמען
הויך.

די טויב

וויקל מיך אַרויס
פון די טונקל־באַלאָדענע
נעפּלען,
און וועב מיך אַרײַן
אין שטראַלן־געוועב
פון דער זון.

אַז פון הינטער
מײַן אויגן־פאַרזשמורע
זאָל מײַן נאַכטיקער
חלום,
אַרויסגעראַנגלט
פון זײַן טונקעלן
טיפן פאַרנורע,
אין אַ טויב
אין אַ זעלטענער
ווערן פאַרוואַנדלט.

אַ טויב,
באַפּוכט
צו איר לויב
מיט בלענד־ווײַסן
פוך,
און אין שנאָבל
אַ בלעטל
מיט גרינעם גערוך.

און בײַ יעטװעדן שװעב
און פֿליגל־צעשפּרײט
פֿאַרשענקט זי
איר װאַרעמען
ליכט־אױסגעשפּרײט
צו אַלץ און צו אַלעם
װאָס דוממט און לעבט,
צו יעטװעדן מין
און צו יעטװעדער פּאָר,
ביז —
ויהי אור!
די גאַנצענע װעלט
זיך בלענדיק
צעהעלט.

מירביידע

א

פון קערנער
שטאָלענע,
פאַרזייטע
אין דער ערד,
זענען פעלדער
מיט פאַרשטאָלטע
זאַנגען
אויפגעגאַנגען.

און מיר ביידע,
אַן טאַטע־מאַמע,
פון דער גאַנצער
עדה
פאַרבליבענע
אַליינע,
צוויי פיצלעך
שפּראָצלינגען,
צעשיידטע
אין דער גרויסער
וועלט.

ב

ווי האָבן מיר זיך
ביידע —
מיר ביידע
די צוויי צעשיידטע,

געוואַקסן דאָרטן
אין צעררוישטע
שטעט
און אויפגעבראוזטע
פּאָרטן —
ווי האָבן מיר זיך
ביידע
פּלוצלינג אָפּגעפּונען
דאָ,
וווּ ערד —
אַדורכגעגליטע
פון חמסינען,
מיט ווונדער־ווינט
פאַרשווּרשטע —
האָט פון איר
הייסער מיט
אונדז אויסגעברענט
דעם בלאָנקענדיקן
וואָגל
פון די טריט.

אויף די בערג פון יהודה

יונגע סאָסנעס,
אויסגעסטראָיעטע
אויף אַראָפּהאַנג
פון בערג,
פאַרנייען
מיט נאָדלען גרינע
די טעג,
וואָס פאַרגייען
אַהינטער
פאַרשקיעהטן
נידער —
צו זוניקן
ווידער
אויף באַרגיקע
הייכן.

— —

אַזוי מעת־לעתיקן
מעת־לעתן
אין געכפל.

דער איינציקער מײַנער

שענק מיר אַ פּונק
פון דײַן ליכטיקן
אַל,
מיט מײַן אָטעם
איך וועל אים
אויספּורעמען —
ביז צו זײַן
אויפגלי
אין אַ שטראַל
אין אַ גאָלדענעם
וואַרעמען.

צעצונדן
ער ציט זיך אַרויף
צו זײַן הימלאַנד
דעם קוואַליק
צעלויכטענעם,
און צוריק
ער נידערט
צו מיר —
אַ פּונק
צו מײַן ליפּן־באַריר.

אַזוי דורך לויף
פון טעג און יאָרן —
צו לויטערע הייכן

און ווידער
צו מיר
אין דער נידער.

און וועל איך טאָן
ווען אַ פאַל
מיט פּנים
צו דר׳ערד
אַנידער,
און זי וועט מיך
פאַרטוליען
אין איר לײַב
אין איר וואַרעמען,
זאָל ער דעמאָלט
דער שטראַל,
דער איינציקער מײַנער,
אויך לײַכטן
פאַר אַלעמען.

אינהאַלט

בלויע צייכנס

✶ (ווי קאָן מען)	9
שיפּן אויפן ים	11
צעבראָכענע וואַזע	12
✶ (קלאַנגען)	13
זון־שפּליטער	14
פּחד	15
דערשטיקטער חלום	17
ס'וועט נאָך זײַן	19
אפשר	21
✶ (אַליין)	22

צעשפּאָלטענע רו

מײַן שאָטן	25
צעשפּאָלטענע רו	27
דער פלעק	29
אַ שאָד	31
געשריי	33
אברהם מײַן אורפאָטער	35
דער טאָג און איך	37
קנאה	39
אויף הוילן ברוק	41
בײַם אויפגלי	42

צו ניט־פּאַראַניקע

וועלן זיי דערהערן ?	45
און וואָלסטו ניט אַוועק	47
פאַרשווונדן	49
צו מײַן ברודער דאָדע	50
פײַער־קלאַנגען	52
ברענענדיקע וועלט	53
טאָטע	54

אויף הר הרצל 55
אין דייַן זאַנג־געזאַנג 57
פאַלנדיקע שטערן 59
אַקעגן די ווינטן 60
פאַרגעס מיך ניט 61

זכרון אין שפּיגל

✶ (זי שפּיגלט) 65
די ווייַלע צייַט 68
שיין איז די ווייַט 69
✶ (אַנטגופן די נשמה) 70
פליגלהענט 71
אַ פונקל 72
אויסגעשפּילטע קלאַווישן 73
ווען ניט מייַן בענקשאַפט 74

אין געקלעטער

✶ (אויב קאָנסט ניט) 77
דער ניגון 78
אין לויפּעניש 79
פינגער 80
✶ (הייַנט וועל איך) 83
ווערטער 84
צום בלענד פון ליכטער 86
די קליינע טרער 87
פייַער 89
שאַר ניט אַוועק 90
די רגע 91
באַטשאַנען 92
די צייַט 93
זאָלסט ניט גלוסטן 94
ווען ? 95
ווער זאָגט 96
פינף מינוט 98
שטערנוואָך 100

כוואַליקער נס

✶ (דער וואַסערגעפאַל 103
איז וואַס 104
אין אַנגעפלייץ פון ליכט 106
אַט ביסטו ווידער דאָ 108
די גאַס 109
בלעטער 111
וועלט 113
די טויב 114
מיר ביידע 116
אויף די בערג פון יהודה 118
דער איינציקער מיינער 119

ביכער פון שפרה ווערבער

ניסעלעס טרער
פּאָעמע
בריסל, געז. „שול און דערציִונג", 1950

דמעתו של איציק
(צוויי פּאָעמעס, איבערגעזעצט פון ייִדיש)
תל־אביב, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, 1963

ווינט אין בלי
לידער
תל־אביב, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, 1968

אויף גראָז און ליים
לידער
תל־אביב, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, 1976